שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**מחיית עמלק**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר ל"ט**
חודש אדר שנת תשפ"ה לפ"ק

## מזלא טבא

לכבוד האי גברא רבא ויקירא
רחים ומוקיר רבנן, לבו ער לכל דבר שבקדושה

## מוה"ר יוסף בנציון שווארץ הי"ו

מעמודי התווך

**לרגל הולדת הנכדה**
**אצל בנו מוה"ר אליעזר זוסיא הי"ו**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכה לראות רב
תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו, ויזכה לשמח את
נפשו בכל עת ועידן עם רוב שמחה דקדושה,
ואך טוב וחסד ירדפנו כל ימי חיינו
וכטו"ס אמן.

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט ארייברופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יהודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יהודך נומער 9


©

כל הזכויות שמורות



מכון דורשי יהודך

נסדר לדפוס ע"י:
ישר Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר

'זְכֹר אַהֲבָתְךָ הַיְשָׁנָה' ........ א
צו א קינד בענקט מען ........ ב
נישט קיין טעות האבן ........ ד
אפילו הפושע ביותר מְצֻוֶּה על כל התורה כולה ........ ה
דו ביסט נאך נישט קיין פארטיגער ........ ח
דער עמלקי קען אויסזען ווי א פיינער איך ........ י
וואו איז די שמחה? ........ יב
"לך לאומן שעשאני" ........ טו
אויף עמלק מאכט מען נישט קיין ברכה... ........ יז
"מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר" ........ כ
'ברישא חשוכא והדר נהורא' ........ כב
מיר זענען שלוחי מעלה צו ענדיגן מחיית עמלק! ........ כג
פורים - אַן אור פון לעתיד ........ כד
א געשריי 'מעומקא דלבא' ........ כו
אפילו החוטא הגרוע שאין גרוע אחריו ........ כח

**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר ל"ט

## מחיית עמלק

### סעודת פורים תשס"ט לפ"ק

**'זְכֹר אַהֲבָתְךָ הַיְשָׁנָה'**

**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך**.

איך נעם רשות איבערצוזאגן זאכן וועלכע איך האבן שוין געזאגט בפרט דעם מוצאי שבת, די יסודי הדת פון 'הלכה למשה מסיני'; מען דארף דאך זיין פריש, **"בכל יום יהיו בעיניך כחדשים כאילו בו ביום נצטווית עליהם"**[א], כל-שכן דעם היינטיגן טאג וואס איז א יום קבלת התורה פון **"הדר קבלוה באהבה"**[ב], א נייע קבלת התורה, מיט א התחדשות, מיט אהבה צו השי"ת.

די "מגילה" איז א לשון "התגלות"[ג]; **"הִגָּלֶה נָא וּפְרוֹס חֲבִיבִי עָלַי אֶת סֻכַּת שְׁלוֹמֶךָ"**. "סוכת שלומך" איז דער טייטש, מען זאל זיין שלום מיט'ן אויבערשטן[ד], שלום מיט דער תורה הקדושה, שלום מיט די צדיקים אמיתיים בלב שלם.

---

**א.** רש"י דברים כו, ט"ז.

**ב.** שבת פח ע"א.

**ג.** מאור עינים פרשת תרומה.

**ד.** עיין ליקוטי עצות ערך 'שלום' אות ו': **צריך לבקש שלום** שיהיה שלום בין ישראל ושיהיה שלום לכל אדם במידותיו, היינו שלא יהיה מחולק במידותיו ובמאורעותיו, שלא יהא לו חילוק בין בטיבו בין בעקו, **תמיד ימצא בו השם יתברך**, וזה זוכין על ידי **התורה** ועל ידי **הצדיקים** שהם נקראים שלום, שעל ידי זה יזכה יזכה לאהוב אותו יתברך בכל מקום בין בטיבו וכו', ולאהוב את חבריו ויהיה שלום בין כל ישראל (עפ"י ליקו"מ סי' ל"ג).

**"תָּאִיר אֶרֶץ מִכְּבוֹדֶךָ, נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ"**.

די גאנצע בריאה איז איין גרויסע מעשה, איין גרויסער סיפור, וואס יעדער דור דארף מאכן די תיקונים וואס דער אויבערשטער פאָדערט פון דעם דור.

מיר האבן אַן אלטן קשר צו השי"ת - א קשר נפלא ונורא מאד פון **"ישראל עלה במחשבה תחילה"**![ה] דער גאנצער תכלית הבריאה איז דאך **"בשביל התורה שנקרא ראשית"**[ו], **"בשביל ישראל שנקראו ראשית"**[ז].

מיר זענען דער תכלית הבריאה!

מיר זענען זייער גרויס, מיר זענען 'חלקו ונחלתו של הקדוש־ברוך־הוא', און דער אויבערשטער איז **"קֵל חַי חֶלְקֵנוּ צוּרֵנוּ"**![ח] עס איז דא א געוואלדיגע אהבה צווישן דעם אויבערשטן מיט אונז און אונז מיט'ן אויבערשטן.

## צו א קינד בענקט מען

מען זעט, יעדע מעשה פון **"סיפורי מעשיות"** הויבט זיך אָן מיט א קשר נפלא, און נאכדעם ווערט א העלמה און א פירוד, און עס קאכט זיך און עס קאכט זיך און עס קאכט זיך, און אז מען דערהאלט זיך - אט דאס איז דער תכלית!

אט דאס איז דער רצון הבורא - זיך צו דערהאלטן און נישט אראָפּפאַלן בשום אופן שבעולם! די גרעסטע חטאים ועוונות טארן נישט אפרייסן א מענטש פון השי"ת![ט]

---

**ה.** בראשית רבה פ"א ד'.

**ו.** משלי ח', כ"ב.

**ז.** ירמיה ב', ג'; רש"י בראשית א', א'.

**ח.** מתוך סדר ברית מילה.

**ט.** עיין ליקוטי עצות ערך התחזקות (עפ"י תורה י"ז): על כן **אסור** לאדם ליאש עצמו מהשם יתברך **אפילו** אם קלקל ופגם הרבה מאד, חס ושלום, כי עדיין לא פסק **חביבות** השם יתברך

דער רבי האט געזאגט[י]: **"אפילו מען ליגט אין א בלאָטע - שרייט מען, און מען שרייט, און מען שרייט!"**.

מען איז מוחה - **"פלניא גזלנא הוא, דאכיל ארעאי בגזלנותא"!**[יא]

אז מען איז נאר מוחה און מען בענקט צום אויבערשטן 'מעומקא דלבא', איז מען קשור צום אויבערשטן, כאטש מען ליגט אין חטאים ועוונות, חס ושלום, חס ושלום.

אינמיטן דער מעשה קאכט זיך אלץ סיפורים מיט סיפורים נפלאים, בכלליות עם ישראל, ובפרטיות כל נפש ונפש מישראל, וואס יעדער איינער איז חשוב ביי הקדוש־ברוך־הוא.

**"אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'"**[יב] גייט אויף יעדן איינעם![יג]

---

ממנו. ע"ע 'אוסף אמרים' (פורים מאמר ד') מה שהרחיב מורינו הגה"צ שליט"א בביאור הלימוד מספה"ק סיפורי מעשיות למעשה עמלק.

**י.** שיחות הר"ן אות קכ"ט.

**יא.** בבא בתרא לח ע"ב. עיין מ"ש ע"ז בספר ליקוטי הלכות הל' חזקת קרקעות ה"ה אות י"ג, וז"ל: ומזה יכול כל אדם להבין רמזים לעצמו להתחזק בכל פעם בתפלה ותחנונים וצעקה לה' יתברך **יהיה איך שיהיה, אפילו אם יעבור עליו מה**, כי אפילו אם רואה שאינו פועל ח"ו בתפילתו, אדרבא, הרע מתגבר עליו ביותר, אף על פי כן ידע ויאמין שפועל הרבה בתפלתו וצעקתו, כי על כל פנים תפילתו וצעקתו הוא בחינת **מחאה** הנ"ל ... שעל ידי זה אין יכולין להחזיק בנחלתו בשום אופן, **כי אין חזקה מועלת כשיש מחאה נגדו** וכנ"ל.

**יב.** מלאכי א', ב'.

**יג.** עיין ספר דורשי יחודך (פסח ח"א מאמר א'), וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: עס איז כדאי מען זאל דאס וויסן, עס זאל שיינען די זאך, דער **"אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'"** - דאס גייט 'על כל אחד ואחד מישראל', 'על כל אחד ואחד מישראל'! מען קען דאך האבן אזא מין דביקות - ממש ממש! א מורא'דיגע דביקות!

א איד האט געטון לעצטנס וועגן "מאה ברכות", האב איך געזען ער ברענגט אראפ כמה ספרים, קומט דארט טאקע אויס; חוץ אלע מעשיות, ווי מען זאגט, דארף עס זיין א רשות (- א זכיה) - 'מען גיט א מענטשן רשות צו דאנקען דעם אויבערשטן'! דאס איז דאך אזא מין זכות עליון! איר ווייסט וואס דאס הייסט?! נאכמער, דער אויבערשטער זאגט - 'איך וויל דיין דאנק!' - דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך! מיר זענען מורא'דיג גרויס און מורא'דיג חשוב - מורא'דיג!

ווען מען ווייסט ווען ווי ווייט - זאגט דער **זוהר הקדוש**[יד] - וואלט יעדער איד געברומט צום אויבערשטן אזוי ווי די לייבן ברומען!

ווען א מענטש ווייסט ווען ווי ווייט - -

דער אויבערשטער האט אים ליב אַוואו ער געפינט זיך נאר!

א קינד האט מען ליב, צו א קינד בענקט מען. דער הייליגער **רבי** האט געלערנט - בענק אויף צוריק, בענק צום טאטן[טו], ווערסטו קיינמאל נישט אפגעריסן ווערן, עס וועט דיר ווערן ליכטיג, דו ווערסט קענען ארויסגיין פון דיינע מיצָרים, דו ווערסט קענען ארויסגיין פון די חבָלים אין וואס דער בעל־דבר האט דיר פארבונדן חס ושלום.

## נישט קיין טעות האבן

מיר ווייסן, מיר האבן א תורה הקדושה וואס משה האט אונז געגעבן מסיני וואס דורכדעם קען מען וויסן אפילו אין דעם 'עולם התמורות' דעם אמת. מיר האבן א 'קבלת התורה' אין וואס דער אויבערשטער ער איז דער 'מבדיל בין קודש לחול'; וואס דער אויבערשטער זאגט אז עס איז 'קודש' - איז מורא'דיג 'קודש', און וואס איז 'חול' - איז 'חול'.

---

די קטנות מיט די הבלי עולם איז אונז משכיח אלע אלע ערנסטקייטן פון א איד! **א איד איז א לעבעדיגע זאך, א איד איז א פרייליכע זאך! א איד איז פול מיט אלוקות! פול מיט אמונה!** מיר זענען מוכשר לכך, אונזער בנין הגוף איז דאך, "**צִיּוּרָא דְּמַשְׁכְּנָא כְּצִיּוּרָא דְּעָבְדָּא דִּבְרֵאשִׁית, וְצִיּוּרָא דְגוּפָא כְּצִיּוּרָא דְּמַשְׁכְּנָא**", מיר זענען מוכן צו זיין א משכן דקדושה! **מיר דארפן נאר אביסעלע אמונה! אביסעלע אמונה! אביסל שכל!**.

**יד.** ח"ב ה' ע"ב: א"ר יהודה אלמלי הוו ידעין בני נשא רחימותא דרחים קודשא בריך הוא לישראל הוו שאגין ככפיריא למרדף אבתריה.

**טו.** עיין שיחות הר"ן אות ז', וז"ל: הלא השם יתברך כבר קראנו בנים כמו שכתוב: "בנים אתם לה' אלקיכם" (דברים י"ד א). על כן טוב מאד לפרש שיחתו וצערו לפניו יתברך כבן שקובל לפני אביו בתנועות של חן ורחמים שקורין (פיעשטשין). **ואף אם נדמה להאדם שלפי מעשיו אינו כבן לפניו יתברך**, עם כל זה הלא השם יתברך קראנו בנים כנ"ל (כי **בין כך ובין כך קרויים לך בנים**) ואם עתה הוא מגרש אותי חס ושלום מבחינת בן, הטוב בעיניו יעשה. עלי לעשות את שלי לעשות עצמי כבן כנ"ל.

איי מען דערקענט נישט? דאס איז ווייל מיר געפינען זיך אין דעם ווייט'סטן פלאץ פון השי"ת. מען דארף גלויבן אין 'הלכה למשה מסיני'. דא איז דער 'היכל התמורות'. ישעי' הנביא זאגט[טז]: "**הוֹי הָאֹמְרִים לָרַע טוֹב וְלַטּוֹב רָע, שָׂמִים חֹשֶׁךְ לְאוֹר וְאוֹר לְחֹשֶׁךְ, שָׂמִים מַר לְמָתוֹק וּמָתוֹק לְמָר**" - אזא טעות קען מען האבן אויף דער וועלט[יז].

אבער "אשרינו" וואס מיר ווייסן פון משה מסיני וואס איז 'טוב' און וואס איז 'רע', וואס איז 'מר' און וואס איז 'מתוק'[יח].

## אפילו הפושע ביותר מְצֻוֶּה על כל התורה כולה

איך האב געזאגט נישט לאנג, מען זעט אַן אינטערעסאנטע זאך, יעדע שירה וואס מען זאגט - "שירת משה" "שירת חנה" "שירת דבורה" און נאך שירים וואס איז דא אין דער תורה וואס מען זאגט שירים אויף א ישועה - אין יעדער שירה גייט אויך אריין 'הכנעת

---

**טז.** ה', כ'.

**יז.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג אות י"א. גם עיין הל' סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד אות ט"ו, וז"ל: יש בחינת שער החמשים של הטומאה כנ"ל, שהוא כנגד שער החמשים של הקדושה, שזה השער כולל כל הסטרא אחרא והקליפות וכל השקרים והרמאות וההטעאות שבעולם, שמעוצם ריבוי השקרים והרמאות שיש שם הוא כמעט בלי גבול ומנין, כי אף על פי שגם הוא בהכרח להתלבש עצמו באיזה אמת, אבל הוא יונק כל כך מהקדושה והאמת עד שיכול ח"ו לבלבל ולהעלים כל מיני אמת שבעולם ולהפוך ברמאותו וערמתו הגדולה והעמוקה בלי שיעור; להפך מאמת לשקר ומשקר לאמת, לשום רע לטוב וטוב לרע, כמו שנאמר, "**הוי האמרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך וכו'**". וכשזאת הסטרא אחרא והשקר מתגבר ח"ו, אז נאמר, "טבעתי ביון מצולה ואין מעמד וכו'". **שזהו בחינת תוקף מרירות הגלות האחרון המר והארוך הזה**, שנאמר עליו, "ותרד פלאים וכו'". ונסתר ונעלם הקץ הפלאות, כמו שנאמר, "עד מתי קץ הפלאות".

**יח.** עיין שיחות הר"ן אות נ"א, וז"ל: **את זה תקבלו מאתי שלא להניח עצמו להעולם להטעות.** שלא יטעה אותו העולם כי לא נמצא אחד שיהיה לו קץ וסוף טוב מן העולם. וכל בני אדם שהיו אפילו אותן שתפסו בידם כל העולם הזה כולו, היה סופם רע מאד גם לדורי דורות קלקלו והפסידו. **ואפילו אומות העולם צריכים לידע מזה**, מאחר שאין העולם הזה כלום, מה צריכים לעשות. על זה צריכים זכיה מן השמים, לזכות לידע מה שצריכים לעשות. **אך ישראל אין צריכים לזה. כי כבר הם יודעים מה לעשות על ידי התורה.**

האויבים והכנעת השונאים' - די וועלכע האבן פיינט דעם אויבערשטן.

ווי עס שטייט אין "שירת חנה"[יט]: **"ה' יֵחַתּוּ מְרִיבָיו"** - די וועלכע האבן דיך פיינט זאלן אפגעשניטן ווערן, זיי זאלן חרוב ווערן און צעבראכן ווערן. אין יעדער שירה איז דא הכנעת האויבים; אין "שירת הים" רעדט מען דאך איבער דער מפלת פרעה ורכבו ופרשיו, ווי עס שטייט דארט[כ]: **"וּבְרֹב גְּאוֹנְךָ תַּהֲרֹס קָמֶיךָ"**. עס איז דא אויף דער וועלט "קמיך" וועלכע שטייען אנטקעגן דעם אויבערשטן רח"ל - איז "וברוב גאונך תהרוס קמיך". די זעלבע זאך, ביי "שירת חנה": **"וּרְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ"**[כא] - זיי זאלן פארשניטן ווערן, און נאך כהנה. אין "שירת דבורה" ווי עס שטייט די אלע מפלות פון סיסרא, ווערט אויסגעפירט[כב]: **"כֵּן יֹאבְדוּ כָל אוֹיְבֶיךָ ה'"**.

עס איז דא א 'זה לעומת זה', מיר האבן א 'ברית עולם' מיט'ן אויבערשטן! מען דארף ליב האבן דעם אויבערשטן לעולמי עד ולנצח נצחים! אלע ווינטן און אלע רוחות און אלע שטערונגען, רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע, טארן נישט צעשטערן דער אהבה וואס א איד האט צום אויבערשטן![כג]

---

**יט.** שמואל-א' ב', י'.

**כ.** שמות טו, ז'.

**כא.** שמואל-א' שם, ט'.

**כב.** שופטים ה', ל"א.

**כג.** עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ה אות י': **רצון וביטול וכו' הנ"ל, זה אי אפשר ליקח מישראל בשום אופן, כי איך שהוא אף על פי כן רצוננו וכספנו חזק ותקיף מאד מאד לשוב לה' יתברך בכל עת,** וכמו שכתוב, **'מה תעירו ומה תעוררו את האהבה עד שתחפץ'** (ועיין במקום אחר מזה בהל' ערב ה"ג) וכמו שכתוב **'כי עזה כמות אהבה קשה כשאול קנאה רשפיה רשפי אש שלהבתיה מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה'** וכו'. שכל זה נאמר על רשפי שלהבת תבערת הלב לה' יתברך בעמקות פנימיות רצונו, **שאפילו הקטן שבקטנים במדריגה התחתונה מאד בוער לבו לה' יתברך עד אין סוף.**

**א איד דארף קענען ליב האבן דעם אויבערשטן אפילו ער ליגט אין שאול תחתיות און ער איז מלא חטאים!**[כד]

א חוטא ופושע ווערט נישט פטור פון תפילין, ער ווערט נישט פטור פון מזוזה, ער ווערט נישט פטור פון קריאת שמע, ער ווערט נישט פטור פון צו היטן שבת! **אפילו ער איז דער גרעסטער חוטא ופושע איז ער מְצֻוֶה צו מקיים זיין דער תורה אזוי ווי משה רבינו עליו השלום!**

דער **רמב"ם** זאגט[כה], 'ירבעם בן נבט וחבריו' וועלן אפגעבן דין וחשבון על 'עשיית העגלים', און אויף דעם וואס זיי האבן נישט געמאכט קיין 'עירובי תבשילין' אום 'יום טוב שחל להיות בערב שבת'. איי ער האט דאך געדינט עבודה זרה? אבער ער איז נישט געווארן דורכדעם אויס איד, ער איז מחוייב צו מקיים זיין דער מצוה פון עירוב תבשילין אז ער זאל מעגן קאכן פון יום טוב אויף שבת אזוי ווי די חכמים האבן געהייסן.

---

**כד.** עיין יושר דברי אמת פרק כ"ה: **ואפילו קודם התשובה צריך להכריח את עצמו להתקרבות השי"ת** על ידי תורה ותפילה בדביקות כל האפשר, כי הנה **מצות האמונה והאהבה והיראה והדביקות הן מצות שהן מחויבים להיות על האדם תמיד** בלי הפסק רגע, כמבואר זה לעיל (סימן י"ב) בשם הרמב"ם והחרדים, ויש לא תעשה בשכחת השי"ת מלב, כמו שאמר הכתוב (דברים ד' ט') השמר לך פן תשכח וגו', ואם כן מאן דלית ליה תרי מצות חד מצוה נמי לא ליעביד, כמבואר זה בגמרא (מנחות מד ע"א), או (ברכות נא ע"א) מי שאכל שום וריחו נודף יחזור ויאכל שום וכו', **וכי מפני שריחק את עצמו מהשי"ת יתרחק יותר, היתכן?!**

**כה.** עיין מאמר קידוש ה' להרמב"ם: וצריך מי שעבר עליו זה השמד להתנהג באלה הענינים שאני מציע, שישים בין עיניו לעשות ולקיים מן המצות מה שהוא יכול ואם אירע לו שעבר הרבה או שחלל שבת לא יטלטל מה שאינו מותר לטלטלו **ולא יאמר מה שעברתי עליו יותר גדול מזה שאני נזהר ממנו אלא יזהר מכל מה שהוא יכול.** ותדע שצריך האדם לידע. עיקר מעיקרי הדת, והוא **שירבעם בן נבט והדומין לו נפרעין ממנו על עשיית העגלים ועל בטול ערובי תבשילין והדומה לו.** שלא יאמר אדם קים ליה בדרבה מיניה לא יאמר זה אלא בדיני אדם בעולם הזה אבל השם יתברך נפרע מבני אדם על החמורות ועל הקלות ונותן שכר על כל דבר שעושין. על כן צריך האדם לידע שכל עבירה שיעשה נפרעין ממנו עליה וכל מצוה שיעשה מקבל עליה שכר ואין הדבר כמו שחשב.

## דו ביסט נאך נישט קיין פארטיגער

אט דאס איז דער הייליגער **רבי** מגַלה; עס זענען דא רח"ל אזעלכע וועלכע זענען פארבונדן מיט די עוונות און זיי קענען נישט ארויסגיין רח"ל, מען האט זיי צוגענומען דער בחירה. דער **רמב"ם** זאגט[כו], אז א מענטש איז מרבה לפשוע, נעמט מען אים צי דער בחירה רח"ל.

אבער דער רבי האט משיג געווען דער גרויסקייט און דעם קשר 'בין ישראל לאביהם שבשמים', דער רבי האט ארויסגעגעבן דעם גרעסטן חיזוק - אַוואו דו געפינסט זיך, אין דער גרעסטער בלאָטע, און דו קענסט נישט ארויסגיין, דו קענסט נישט טון אפילו קיין 'סור מרע' - אבער בענק צום אויבערשטן![כז]

ער איז דיין גאט!

ער האט דיך באשאפן!

ער האט דיך ליב!

בענק און בענק!

שריי און שריי - וועסטו ארויסגיין!

זיי דיך נישט מייאש!

---

**כו.** שמונה פרקים פ"ח.

**כז.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ה אות ה', וז"ל: ועל כן בקל יכולין לשוב מכל העבירות אם ירצה באמת, כי עיקר הוא הרצון. ותיכף כשיתגבר וירגיל את עצמו שיהיה לו רצונות חזקים דקדושה להתקרב לה' יתברך ולצדיקיו ולא ירפה את הרצון, בודאי יוכל להתגבר על כל המניעות הבאים על ידי העבירות וחטאות נעורים שלו. ובודאי ישבר כולם ויזכה לחיים נצחיים. כי עיקר פגם העבירה הוא מה שנחלש הרצון דקדושה על ידי העבירה כנ"ל שעל ידי זה עבירה גוררת עבירה. ועל כן נדמה לו שאי אפשר לו לצאת ממה שנלכד בו. אבל הבחירה חפשיית תמיד. ותשובה קדמה לעולם. וה' יתברך נתן כח באדם שאפילו אחר כל העבירות והחטאים ח"ו יש לו כח עדיין להתגבר ברצונות חזקים לה' יתברך. שעל ידי זה ישבר כל המניעות ויתקרב לה' יתברך כנ"ל.

אט דאס איז 'קליפת עמלק': "**וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים**"[כח]. "ויזנב" מיינט, "געענדיגט". ער זאגט פאר א מענטש וואס איז א 'חוטא ופושע' - ענדיג, ענדיג. אבער דער צדיק זאגט נישט אזוי, עס איז נישטא קיין 'ענדיגן', עס איז א 'קשר עולם שלא תופר'![כט].

ווייל אויסער דעם וואס דער אויבערשטער איז קשור צו אונז "בהתחלת הבריאה" וואס 'ישראל עלה במחשבה תחילה', האט דער אויבערשטער באנייט דעם קשר מיט "אברהם אבינו" - "לו ולזרעו עד עולם". און דערנאך ביי "קבלת התורה" - "**הִנֵּה דַם הַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרַת ה' עִמָּכֶם**"[ל], און אין "ערבות מואב", און אויפן "הר גריזים" און אויפן "הר עיבל", קשרים מיט קשרים, וואס אט דאס אלץ וועט קיינמאל נישט צעבראכן ווערן.

מען דארף נאר פאלגן דעם צדיק - זיך נישט מייאש זיין!

אזוי ווי מען דארף גלויבן אין בורא עולם און מען דארף גלויבן אין דער תורה הקדושה, אזוי דארף מען גלויבן אז מען איז א איד - "זרע יעקב אשר בו בחר!"[לא].

---

**כח.** דברים כה, י"ח.

**כט.** עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ג אות ד', וז"ל: עמלק הוא מזרע עשו, שהוא הסטרא אחרא, שהוא המקטרג הגדול על ישראל. ועיקר קנאתו וקטרוגו הוא על הרחוקים הרוצין להתקרב לה' יתברך שהיו עד עכשיו כבושים אצלו, וכשהצדיק רוצה להוציאם מבין שיניו, הוא מתקנא בו מאד, ויוצא עם כל חיילותיו להלחם עם הצדיק ואנשים שקירבם לה' יתברך, כמו שכתוב, **ויזנב בך כל הנחשלים אחריך ואתה עיף ויגע ולא ירא אלקים**, שהם **החלושי כח שבישראל שהיה הענן פולטם**, ורק עליהם בא עמלק להלחם ... **ואף על פי שבאמת הם חייבים גדולים** כי לא כבשו את תאוותם, ובודאי הבחירה אצל כל אחד ואחד ואם היו רוצים היו מתגברים עליהם, ועליהם נאמר, ואת למדת אתם עליך אלפים לראש (ירמיה יג). **אך אף על פי כן** ה' יתברך מלא רחמים תמיד וחפץ חסד הוא. והוא שולח לנו בכל דור צדיק אמיתי שהוא רחמן גדול מאד מאד בלי שיעור שהוא מרחם מאד על אלו הרחוקים מן הקדושה מאד ומשתדל בכל כחו לקרבם לה' יתברך **ולוחם בשבילם בכל עת מלחמת עמלק**.

**ל.** שמות כד, ח'.

**לא.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה אות ז', וז"ל: **אפילו אם יאמין בה' יתברך ובצדיקים ובחבריו הכשרים שכולם צדיקים, אבל אינו מאמין בעצמו**, דהיינו שאינו מאמין שאמונתו

## דער עמלקי קען אויסזען ווי א פיינער אויך

די זאך פון עמלק איז א זאך, וואס מיר ווייסן נישט ווער דער עמלק איז, מיר קענען אים נישט, מען זעט אים נישט, עס קען זיין בחיצוניות זענען זיי גרויסע דזשענטל מענער און גוטע מענטשן. אבער מיר האבן אַן 'הלכה למשה מסיני'! (- למחות שמם מן העולם, עיין בהמשך).

אין **ליקוטי מוהר"ן אין** תורה נ"ח רעדט דארט דער רבי ארום אלע בחינות פון פורים, עס איז נישטא קיין בחינה פון פורים און מלחמת עמלק וואס ליגט נישט אין דער תורה[לב]. דער רבי רעדט דארט איבער 'הכנעת עמלק'. דאס איז א גרויסע קליפה מבחינת "**זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים**"[לג].

דער רבי הויבט דארט אָן מיט די דריי השפעות וואס איז געווען אין מדבר, די "מָן" און די "ענני הכבוד" און דער "בְּאֵר", וואס דאס איז נשפע געווארן דורך די דריי צדיקי הדור, 'משה' 'אהרן' 'ומרים'[לד], וואס זיי זענען געווען דער סוד פון 'אברהם יצחק ויעקב'. דער מדרש זאגט[לה]: "**טוב יום המות מיום הולדו**"[לו]; פערציג יאר האבן אידן

---

שמאמין בחכמים אמיתיים וכו' יקר מאד מאד, גם זה פגם אמונת חכמים, **ובאופן אחד פגם הזה גרוע מהכל**, כאשר מצוי נגע המספחת הזאת בכמה בני אדם שהם כשרים קצת ומתחילים להתקרב לאנשי אמת לחכמים וכשרים אמיתיים, אבל אומרים על חבריהם הם בודאי כשרים וצדיקים, אבל מה מועיל לי כי אני יודע חסרוני בנפשי שאני מלא חטאים ועונות ופגמים ועל ידי זה נופל ח"ו, ומתרחק לגמרי ח"ו.

**לב.** עיין ליקוטי הלכות הל' פורים ה"ה, המיוסד על מאמר זו.

**לג.** קהלת ז', י"ד.

**לד.** תענית ט' ע"א.

**לה.** קהלת רבה פ"ז ד': "ויום המות מיום הולדו". את מוצא כשהצדיקים נולדין אין בריה מרגשת וכשמתין הכל מרגישים. כשנולדה מרים לא הרגיש בה בריה, וכשמתה נסתלקה הבאר והרגישו הכל, הבאר הודיעה מיתתה. נולד אהרן כהן גדול ולא הרגיש בו בריה, וכשמת נסתלקו ענני כבוד, הרגישו הכל, הענן הודיע מיתתו. נולד משה רבינו ולא הרגיש בו בריה, וכשמת הרגישו הכל, המן הודיע מיתתו ששבת.

**לו.** קהלת ז', א'.

געטרונקען פון דעם בְּאֵר, א חידוש'דיגער בְּאֵר, עס האט געהאט אלע סגולות אין דער וועלט, מען האט דעמאלס געקענט משיג זיין אלע השגות.

דער **אר"י הקדוש** איידער ער האט געוואלט מגלה זיין פאר **רבי חיים וויטאל'ן** אלץ וואס ער האט אים מגלה געווען, איז ער געפארן מיט אים צום יַם כנרת, און ער האט אנגעשעפט א קווערטל וואסער, און האט אים געזאגט: "דאס איז פון 'בּאֵרה של מרָים' - טרינק עס אויס - וועסטו ווערן א 'מעין המתגבר' אין חכמת הקבלה און אין גנזי תורה!"[לז]. מיט איין קווערטל וואסער.

דאס איז געווען א 'שפע רוחני' און א 'שפע גשמי' וואס איז געקומען דורך א געוויסער צדיקת וואס האט געהייסן "מרים". און בשעת זי האט געלעבט האט מען נישט געוואוסט פון וואנעט טרינקט מען אזא בְּאֵר, א מעין המתגלגל, עס איז דאך געווען פלאי פלאות, א שטיין וואס איז נישט מחובר צו קיין זאך, און ער גיסט וואסער בשפע רב [- ווייל עס איז געווען מקושר צום שורש המים, צום שורש החסד]. ערשט ווען זי איז נסתלק געווארן האט מען געזען אז עס איז געווען דורך איר. דאס זעלבע איז געווען מיט דער 'מָן' און מיט די 'ענני הכבוד'.

נאך דעם רעדט דארט דער רבי פון 'הכנעת עמלק'[לח]. ווייל די אלע כפירות און די אלע אפיקורסות[לט] און אלע בלבולי האמונה און אלע שטערונגען וואס אידן האבן אין עבודה, זענען דא נשמות וואס

---

**לז.** פרי עץ חיים שער הנהגת הלימוד פ"א.

**לח.** וזה תמצית לשונו שם (מליקוטי עצות): הצדיק האמת הוא בחינת **משה** והוא כלול **בשלשה אבות**, והוא ממשיך כל השלשה השפעות שהם בחינת **באר ענן ומן**, שהם בחינת אכילה ושתיה ומלבושים, **והוא לוחם תמיד מלחמות השם, כי הוא לוחם כנגד הקליפות עמלק** שהוא פגם הברית שנמשך ממנו, והצדיק מכניע אותו ואת כל הצרים הרודפים אחר חלושי כח שבישראל, ומחזק אותם ומכניס אותם לעבודת השם יתברך, וממשיך אותם לבחינת תיקון הברית.

**לט.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ט ששורש קליפת עמלק הוא כפירות ואפיקורסות.

מיר קענען זיי נישט, מען ווייסט נישט ווער זיי זענען, ווען מיר זעען זיי זענען זיי די 'בעסטע' מענטשן אויף דער וועלט, דזשענטל מענער, אבער מיר ווייסן דעם אמת פון 'הלכה למשה מסיני' אז די גאנצע רע ווערט נמשך דורך זייערע נשמות[מ].

דער **מדרש תנחומא** זאגט[מא]: "**כל זמן שעמלק חי, כאילו כנף מכסה את הפנים**". עס איז דא דער "פני-ה'" וואס איז "**מלא כל הארץ כבודו**" - און זייערע נשמות פארשטעלן דאס. דערפאר איז "**אֵין ה' שָׁלֵם ואֵין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק**".

## וואו איז די שמחה?

עס איז א געוואלדיגע זאך, מיר זענען דאך 'מאמינים בני מאמינים', מיר האבן אזא גרויסער באשעפער, מיר ווייסן דעם סוד פון דער בריאה, מיר האבן אזא תורה הקדושה, מיר האבן אזוי פיל צדיקים אמיתיים וואס מיר ווייסן פון זיי, וואס מיר זענען יונק פון זיי.

---

**מ.** עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז אות ל"ג, וז"ל: **ועיקר כולם הוא עמלק שכלול מכולם**, כמו שכתוב, **ראשית גוים עמלק**. וצריכין לזכור היטב שכבר עקרו אותו כמה פעמים בימי משה ויהושע ודוד ובימי מרדכי, אבל הוא קליפה חזקה כל כך שעדיין השם יתברך בעצמו לוחם עמו עד דורו של משיח עד שיעקר אותו לגמרי, כמו שכתוב, מלחמה לה' בעמלק מדור דור, וכמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה. וכל זה מחמת שכח הבחירה יש לה תוקף גדול, והוא יתברך אינו רוצה לבטל הבחירה וכו', כמו שכתבתי לעיל ובמקום אחר, **ועל כל אחד מישראל מוטל להילחם עמו** שהוא מלחמת היצר שיש לכל אחד בזה העולם, שעיקר המלחמה היא עם עכירת הדמים שנמשכין מהדם שבחלל השמאלי שמשם כל התאוות וכו'. אבל רוב העולם הם חלושי כח לעמוד במלחמה זאת כראוי עד שיש שנכשלים מאד וכו', **ועל-כן כל כחנו על ידי גדולי מובחרי הצדיקים שיש בכל דור שהם לוחמים בעדנו וכו' וכמו שכתוב בהתורה** (בסימן נח), **תלת נפקין מחד**, והם מודיעים לנו וממשיכים לנו קדושת שבת קודש שעל ידי זה יש כח לכל אחד מישראל לישאר על עמדו לבלי ליפול לגמרי בחלק קליפת עמלק שאורב לעקור את האדם לגמרי משני עולמות חס ושלום, ע"כ.

**מא.** פרשת כי תצא סי' י"א: רבי ברכיה בשם רבי אבא בר כהנא אמר, **כל זמן שזרעו של עמלק קיים, כאילו כנף מכסה את הפנים**. אבד זרעו מן העולם, **לא יכנף עוד מוריך** (ישעיה ל). רבי לוי בשם רבי אחא בר חיננא אומר, כל זמן שזרעו של עמלק בעולם, **לא השם שלם ולא הכסא שלם**. אבד זרעו של עמלק, השם שלם והכסא שלם.

אַוואו איז די שמחה?

אַוואו איז דאס חיות?

עס וואלט געדארפט זיין א שמחה בלי-גבול ובלי-סוף אז מיר זענען אראפ אויף דער וועלט - און מיר ווייסן דעם סוד פון דער בריאה, מיר ווייסן דעם אמת פון דער בריאה![מב]

די וועלט ווייסט דאך גארנישט, זיי ווייסן נישט צוליב וואס זיי זענען באשאפן געווארן, זיי ווייסן נישט צוליב וואס מען לעבט, זיי ווייסן נישט צוליב וואס מען שטארבט; מען קען זיך איינקויפן אויף דער וועלט גיהנום בלי גבול רח"ל און אפגעריסן ווערן פון השי"ת אז מען זאל קיינמאל נישט פטור ווערן פון דעם.

אז מיר ווייסן דעם אמת, מיר ווייסן פון דער אמונה הקדושה, מיר ווייסן דערפון, אַוואו איז די שמחה? אַוואו איז דאס חיות? מיר לערנען תורה מסיני, "**כָּל הַתּוֹרָה הַמְּצוּיָה עַתָּה בְּיָדֵינוּ הִיא הַנְּתוּנָה לְמֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם**"[מג], אין יעדן דור מיט אַן אנדער התלבשות, בזמן התנאים, ובזמן האמוראים, ובזמן רבנן סבוראי, אבער דאס איז די תורה הניתנה למשה מסיני.

---

**מב.** עיין סוף ספר סיפורי מעשיות, במעשה מהצדיק שנפל לעצבות, מה שסיים שם רביז"ל בזה"ל: **אין לשער ההפרש וההבדל, אלף אלפי אלפים הבדלות, שיש בין קדושת ישראל, הפחות שבפחותים, לבין זוהמת טומאת העובדי כוכבים!** וכשיזכור היטב חסד השם יתברך עליו, שלא עשהו גוי, **בודאי ראוי** שתגדל שמחתו מאד. והיא שמחה שאין עליה עצבות, ע"כ. גם עיין ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ד אות ד': **עיקר הקדושה הוא שמחה**, דהיינו לשמוח בהשם יתברך. כי מי שיש לו אמונה שלימה בהשם יתברך בודאי **ראוי לו לשמוח תמיד** בהשם יתברך. וזה הדבר אי אפשר לבאר בכתב, כי הוא לכל חד כפום מה דמשער בלביה וכבר מבואר בדברינו מזה כמה פעמים. **והמן ועמלק שהם בחינת המחקרים והכופרים מהם נמשך עיקר העצבות והמרה שחורה**, כי עיקר השמחה הוא שמחת המצוות בחינת (תהלים יט) פקודי ה' ישרים משמחי לב. **ומי שמאמין בהשם יתברך ובתורתו הקדושה בתמימות ובפשיטות כמו שכל ישראל מאמינים, בודאי אין שמחה בעולם כמו שמחת עשיית המצוות שאנו זוכין לעשות נחת רוח ליוצרנו ובוראנו יתברך.** ואנו קונים לנו חיי עולם לעולמי עד ולנצח נצחים על ידי חוטי הציצית שקונים אותו בעד גדול אחד ואנו נכללים על ידי זה באור האין סוף, **היש שמחה גדולה מזו?!**

**מג.** סדר י"ג עיקרים להרמב"ם.

אַוואו איז די שמחה?

**"מאן דאחיד באורייתא, אחיד בקודשא בריך הוא"!**[מד]

אַוואו איז די שמחה? אַוואו איז דאס חיות?

דער תירוץ איז, א מענטש קען פארמאָגן א רכוש פון מיליאַרדן, מיליאַרדן, אויב האט ער מקטרגים וואס ווילן אים פאר'מסר'ן, מען וויל אים אפטון, מען וויל אים בא'גנב'ענען, מען וויל אים מאכן אומגליקליך, איז די שמחה נישט קיין שלימות. ער ווייסט אז ער האט טאקע, אבער אנטקעגן דעם האט ער מקטרגים, מוסרים, רשעים, וועלכע ווילן אים מאכן אומגליקליך, אזוי ווי מען זעט רח"ל ווי מענטשן ווערן אומגליקליך אין איין טאג.

דער פשט איז, עס איז דא א נחלה - די אמונה קדושה איז א מורא'דיגע געשמאקע נחלה, די תורה הקדושה איז א געוואלדיגע נחלה, די אמונת צדיקים וואס מיר האבן איז א געוואלדיגע נחלה; אבער עס זענען דא מיצרים וועלכע לאזן נישט דאווענען, זיי לאזן נישט לערנען.

אלע בלבולי אמונה, מיט אלע הפרעות המוחין, און אלע חלישות הדעת, איז ווייל עס זענען דא נשמות וואס מען ווייסט זיי נישט, מען קען זיי נישט, מען דארף נאר וויסן און געדענקען אז עס וועט קומען א צייט און מען וועט זיי דארפן אויס'שחט'ן אנשים נשים וטף - ווייל אזוי האט דער אויבערשטער געהייסן, און דעמאלס וועט זיין 'גילוי מלכותו' - 'נחלה בלי מצָרים'.

עס איז א מורא'דיגע זאך, אידן ווילן זיין ערליך, אבער די מֵיצרים לאזן נישט. אין דעם היינטיגן טאג - דארפן מיר גלויבן - אלע מצוות וואס מען טוט אום פורים דאס איז אלץ אַן הכנה צו מחיית עמלק

---

**מד.** עיין זוהר ח"ג ט' ע"ב.

אז עס זאל קענען זיין **"כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה'"**[מה], **"מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ"**[מו], אָן קיין מצָרים, **"נחלה בלי מצָרים"**.

## "לך לאומן שעשאני"

עס איז דא א ווארט פון **רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע**[מז]. עס שטייט[מח], **רבי אלעזר ברבי שמעון** איז געפארן צו א רבי'ן לערנען, און ער האט געלערנט גאר אסאך. ווען ער איז צוריקגעפארן איז ער געפארן מיט אַן אייזל, און ער איז געווען זייער פרייליך ווייל ער האט רוכש געווען זייער אסאך תורה.

שטייט דארט, ער האט געזען אַן 'אדם מכוער'. האט ער געזאגט: **"מה מכוער אדם זה?"** - א מיאוס'ער מענטש, א 'מכוער'. לכאורה איז א מאדנע זאך, רבי אלעזר ברבי שמעון האט דען נישט געוואוסט אז דער עיקר איז די נשמה און דער גוף מיינט גארנישט? אז איינער האט אַן אנדערע צורה, נו, האט ער א מיאוס'ע צורה, וואס איז דען? "רבי אלעזר ברבי שמעון" אויף וואס רבי שמעון בן יוחאי האט דאך

---

**מה.** ישעיה יא, ט'.

**מו.** שם ו', ג'.

**מז.** דברי מאיר, ליקוטים על ש"ס.

**מח.** תענית כ' ע"א: מעשה שבא רבי אלעזר ברבי שמעון ממגדל גדור מבית רבו והיה רכוב על חמור ומטייל על שפת נהר ושמח שמחה גדולה, והיתה דעתו גסה עליו מפני שלמד תורה הרבה. נזדמן לו אדם אחד שהיה מכוער ביותר. אמר לו, שלום עליך רבי, ולא החזיר לו. אמר לו, ריקה, כמה מכוער אותו האיש, שמא כל בני עירך מכוערין כמותך. אמר לו, איני יודע, אלא לך ואמור לאומן שעשאני כמה מכוער כלי זה שעשית. כיון שידע בעצמו שחטא ירד מן החמור ונשתטח לפניו ואמר לו נעניתי לך - מחול לי. אמר לו, איני מוחל לך עד שתלך לאומן שעשאני ואמור לו כמה מכוער כלי זה שעשית. היה מטייל אחריו עד שהגיע לעירו, יצאו בני עירו לקראתו והיו אומרים לו שלום עליך רבי רבי מורי מורי. אמר להם למי אתם קורין רבי רבי אמרו לו לזה שמטייל אחריך. אמר להם אם זה רבי אל ירבו כמותו בישראל. אמרו לו מפני מה, אמר להם כך וכך עשה לי. אמרו לו, אף על פי כן מחול לו שאדם גדול בתורה הוא. אמר להם, בשבילכם הריני מוחל לו ובלבד שלא יהא רגיל לעשות כן, ע"כ.

געזאגט אז אויב זענען דא צוויי צדיקים אויף דער וועלט, זענען דאס ער מיט רבי אלעזר'ן![מט] (- ער זאל אזוי רעדן?).

זאגט רבי מאיר'ל פרעמישלאנער, מען מיינט נישט אז עס איז געווען א מיאוס'ער מענטש (בפשטות) וואס רבי אלעזר ברבי שמעון האט געזאגט "כמה מכוער אדם זה" אויף וואס דער מענטש האט אים געענטפערט "פארוואס זאגסטו מיר אז איך בין א 'מכוער'? - לֵך לאומן שעשאני" - 'דער אויבערשטער האט מיר באשאפן - וואס ווילסטו?'. נאר רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זאגט, ער איז געווען אַן ערליכער איד, א גרויסער ערליכער איד, נאר רבי אלעזר ברבי שמעון האט געזען אז ווען ער מאכט א ברכה, ווען ער טוט א מצוה, שאקלט ער מיט דעם קאפ און פינטלט מיט די אויגן, ער שאקלט זיך און מאכט תנועות משונות ביז ער מאכט א ברכה, ביז ער דאווענט א שמונה עשרה, ס'איז 'איום ונורא', ס'איז נישט צום אויסהאלטן, ער האלט אין איין מאכן תנועות משונות מיט אזעלכע סארט זאכן.

האט ער געזאגט, "כמה מכוער אדם זה?" אזוי מאכט מען א ברכה פאר'ן אויבערשטן? אזוי שטייט מען שמונה עשרה? אזוי דינט מען דעם אויבערשטן?

האט יענער אים געזאגט, "לך לאומן שעשאני"; 'דו ביסט געבוירן געווארן ביי רבי שמעון בן יוחאי - אז דו שטעלסט דיך שמונה עשרה איז דיר ליכטיג אלע עולמות, ווען דו טוסט א מצוה איז דיר ליכטיג, דו בענקסט צום אויבערשטן 'יומם ולילה'. איך בין אבער געבוירן געווארן ביי א פראסטן אידן, איך בין פול מיט קליפות און זוהמא וואס לאזן מיך נישט לערנען און נישט דאווענען, דעריבער מוז איך מיך שאקלען און פינטלען מיט די אויגן. איך האב נישט קיין עצה, ביי מיר איז די נחלה מיט מצָרים מצָרים. דו האסט נישט קיין מצָרים - אבער איך האב יא מצָרים. וואס ווילסטו פון מיר? 'לך לאומן

---

**מט.** סוכה מה ע"ב.

שעשאני'. דו ביסט געבוירן געווארן ביי רבי שמעון בן יוחאי, איך בין אבער געבוירן געווארן ביי א פראסטן אידן, וואס ווילסטו פון מיר?'[נ].

אט דאס האט ער דערציילט רבי אלעזר'ן. ווייל די נאטור איז פון א מענטש, אז ווען עס גייט אים, קען ער אמאל פארגעסן פון איינעם וועלכער איז צעבראכן. האט ער אים דערציילט.

למעשה איז דאך עס געוועז אליהו הנביא[נא], ער האט אים געוואלט מגלה זיין דעם זכות וואס איז דא אויף אלע אידן, אז זיי האבן נעבעך בלבולים, זיי זענען זיך מייאש, כדי ער זאל וויסן ווי ווייט צו מחזק זיין אידן, און וויסן דאס גרויסקייט פון אידן וואס דער אויבערשטער האט דאך אזא נחת רוח אז א מענטש וויל דינען דעם אויבערשטן און עס גייט אים נישט און ער האט צער פון דעם - דאס איז דאך אַן 'המלָכָה שאין כמוהו'![נב] דער גאנצער גילוי לעתיד וועט דאך זיין נאר דווקא דורך דעם.

## אויף עמלק מאכט מען נישט קיין ברכה...

אמאל אין ירושלים איז געקומען דא דער קייסער ווילהעלם - דער קייסער פון דייטשלאנד. מען האט דעמאלס אויפגעבראכן א חלק פון

---

**נ.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד' אות ב', וז"ל: כל העבודות וכל התשובות, כל מה שרוצין לעשות איזה עובדא בעבודת השם, כמה קלין של אוי ואבוי וכמה גניחות וכמה כפילות וכמה הטיות (היינו **תנועות משנות שעושין יראי ה' בעבודתם**) צריכין לעשות קודם שעושין איזה עובדא. ועיקר בהתחלה, שאז קשה מאד, כי 'כל התחלות קשות' (מכילתא פרשת יתרו, והובא בפירש"י שם), וצריכין כמה קלין וכמה גניחות וכו' קודם שמתחילין איזהו התחלה. וגם אחר כך לאחר ההתחלה גם כן אינו בא בנקל עבודת השם, וצריכין כמה יגיעות **וכמה תנועות** כנ"ל קודם שזוכין לעשות איזה עובדא, שיהיה לה הידור.

**נא.** תוספות בשם מס' דרך ארץ.

**נב.** עיין חיי מוהר"ן אות רע"א, וז"ל: איתא בזוהר הקדוש, "בשוא גליו אתה תשבחם", שמה שהאדם מנשא עצמו וממשיך עצמו לאיזה מדריגה **אף על פי שאינו מגיע אליה**, זה בעצמו שהוא מתייגע ורודף להשיג ולגלות לאיזה קדושה היא שבָחא דיליה ויקָרא דיליה עיין שם.

דער חומה כדי זיין מרכבה זאל קענען אריינגיין אין אַלט-שטאט. מען קען זען, נעבן דעם "יפו-טויער" [- דער יַפו-טויער איז א המשך פון דער חומה] - ווערט איר זען נאכדעם איז דא א כביש, וואס למעשה איז עס אמאל געווען (פארבויעט) דארט מיט דער חומה, נאר מען האט עס איינגעווארפן כדי דער קייסער ווילהעלם זאל קענען אריינגיין דארט, "מלך פורץ גדר"[נג].

אלע גדולי הדור זענען געגאנגען דעמאלס מאכן א ברכה "שחלק מכבודו לבשר ודם". אבער **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זי"ע** איז נישט געגאנגען. האט מען אים געפרעגט, "היתכן, עס איז דאך א מצוה צו גיין לקראת מלכי אומות העולם"'[נד]. האט ער געזאגט: **"איך האב א קבלה אז דייטשלאנד זענען 'זרע עמלק' - אויף עמלק מאכט מען נישט קיין ברכה!"**.

א מורא'דיגע זאך.

בשעת ער האט עס געזאגט איז עס געווען 'למעלה מן השכל'; דייטשלאנד איז געווען דער סימבאל פון מענטשליכקייט, דער סימבאל פון דרך ארץ, דער סימבאל פון שטודירן, דער סימבאל פון נימוס. היינט זענען דא צמחונים (- וועדזשטעריענ"ס) מצד 'בריאות', אבער אין דייטשלאנד זענען געווען צמחונים נישט מצד בריאות, נאר מצד 'רחמנות', 'פארוואס נעמסטו א בעל־חי און דו שחט'סט עס און דו עסט עס?' - מצד רחמנות! - אזעלכע דזשענטל מענער זענען זיי געווען...

און דווקא זיי האבן געוויזן אזא אכזריות אויף זרע ישראל, וואס מיום שנברא העולם האט עס נאך קיינער נישט געוויזן! זעט מען אז מען דארף גלויבן אין משה מסיני, כאטש בחיצוניות זעט ער אויס מענטשליך און פיין. גלויב.

**נג.** פסחים קי ע"א.

**נד.** ברכות יט ע"ב.

עס שטייט אין ספר שמואל[נה]: "**וַיַּחְמֹל שָׁאוּל עַל אֲגָג**". דער פשט איז, אגג איז געווען אזא פערזענליכקייט, אזא חיצוניות'דיגער פיינער מענטש, אזא געשמאקער מענטש, אז עס איז געפאלן אויף שאול'ן א מורא'דיגער חמלה צו הרג'ענען אזא מענטשן[נו].

אבער שמואל הנביא האט געגלויבט אז אין אט דעם דזשענטל מאן - "איך האב א קבלה למשה מסיני - אין אים ליגט 'הָמָן', אין אים ליגט 'אותו האיש', אין אים ליגט 'היטלער'!" - דאס איז 'הלכה למשה מסיני'[נז]. האט ער אים צעשניטן און צעריסן אויף פיר שטיקער, "**וַיְשַׁסֵּף שְׁמוּאֵל אֶת אֲגָג**"[נח] - "**חתכו לארבע**"[נט].

אונזער גאנצע אידישקייט איז תלוי אין דעם 'בורא עולם' וואס ער איז דער "מבדיל בין קודש לחול בין אור לחשך", וואס דאס איז דער

---

**נה.** שמואל-א' טו, ט'.

**נו.** עיין ספר פוקד עקרים (לר' צדוק מלובלין) אות ה', וז"ל: **ושמעתי** על מה שכתוב (שם פסוק ל"ב) אגג מעדנות, ותרגום יונתן - כד מפנקן. **כי מי שראה אגג בפינוקו לא היה אפשר מצד טבע אנושי שלא יתעורר בו רחמנות וחמלה עליו, ונסיון גדול היה שלא יחמלו.**

**נז.** עיין 'דרך כוכב' (תורה ב' שיעור ט') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: הרה"ק בעל שומר אמונים זי"ע סיפר שכשלושים שנה טרם פרוץ השואה האיומה, אמר לו יהודי, כי בעבר היו מתרחשים פוגרומים שחיטות והריגות רח"ל, ואילו כהיום חיים אנו בעולם של השכלה [כמו שקורין: א שטאדירטע וועלט], כל הגויים מחנכים את ילדיהם בבתי-ספר ובאוניברסיטא. לכן הפטיר הלה, כי לא יתכן שיעשו מעשים שפלים של אכזריות כפוגרומים וכיו"ב.
והפלא הוא שדוקא אותם גרמנים שרבים מהם היו מראים עצמם כ'אנושיים' במיוחד, עד שברחמנותם כביכול על בעלי חיים נמנעו מלאוכלם, ולא מחמת בריאות הגוף אלא מתוך "שיטה" הנובעת לכאורה מ'עדינות' ו'אצילות' האוסרים לפגוע בבעלי-חיים ח"ו. ואפילו האשמדאי היטלער ימ"ש בעצמו נמנה על אותם "רחמנים" שלא אכל בשר מתוך "רחמיו" על בעלי-חיים – הנה דוקא הם התגלו בסופו של דבר כרוצחים המתואבים והשפלים ביותר מיום שנברא העולם, שלא היתה אכזריות כדוגמתם בעולם. מכל זה רואים אנו עד כמה שצריכים "אמונה" ברשע... שמואל [הנביא] שהיה צדיק הדור, נביא ה', ידע היטב שהיא הלכה-למשה-מסיני שבפנימיות האגג העמלקי הזה, הנראה כאיש אציל והגון מאד, בו טמון המן, היטלער, ואותו-האיש שורש הצפעוניים ושורש כל הרע, געוואלד, דורשים מעמנו אמונה ברשע! אמונה ברשע – זהו החידוש של פורים!.

**נח.** שם, ל"ג.

**נט.** רש"י שם.

אמת, אפילו אויב דער גשמיות'דיגער אויג איז פארבלענדעט און מען זעט נישט, אבער דאס איז דער אמת.

## "מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר"

ממילא, אלע מצוות וואס מען טוט דעם היינטיגן טאג איז מלחמת עמלק[ס]. עס ווערט געברענגט[סא]: "**מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר**"[סב]; "**מדורו של יהושע עד דורו של שאול, מדורו של שאול עד דורו של מרדכי ואסתר, מדורו של מרדכי ואסתר עד דורו של משיח**".

עס שטייט, די אלע מצוות וואס אידן האבן געטון וועגן 'זכירת עמלק', און מקיים געווען דעם "**זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק**"[סג], און מקיים געווען דעם "**לֹא תִּשְׁכָּח**"[סד], בזכות דעם האט שאול מכניע געווען עמלק. מער ווייניגער האט ער דאך אויסגע'הרג'עט אלע עמלקים. און דורך די אלע מצוות פון זכירת עמלק וואס אידן האבן מקיים געווען ביז מרדכי ואסתר, איז געווארן דער 'פורים' - די 'הכנעת עמלק דורך מרדכי ואסתר'. און פון די אלע מצוות וואס איז ערשט צוגעקומען, די שמחת פורים, און קריאת המגילה, שמחה, בסומי, מיט משלוח מנות ומתנות לאביונים - דארף מען גלויבן - אט דאס איז מחיית עמלק! נאר דורכדעם וועט מען זוכה זיין אויסצורייסן עמלק!

ווייל עמלק איז א גרויסע קליפה מבחינת "זה לעומת זה עשה אלקים", וואס עס הויבט זיך נאך אָן פון דעם 'עץ הדעת', אזוי ווי

---

**ס.** עיין ליקוטי הלכות הל' ציצית ה"ז אות י"ב: כי זה ידוע שעיקר קריאת המגלה ופרסומי ניסא **וכל המצוות של פורים הוא שנזכה על ידי זה להפיל את קליפת המן עמלק בכל דור ודור בכל שנה ושנה בכל אדם בפרטיות**, וכמו שכתוב במגילה בפירוש (שם ט'), "והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור משפחה ומשפחה מדינה ומדינה ועיר ועיר וכו'.

**סא.** מדרש תנחומא כי תצא פרק י"א.

**סב.** שמות יז, ט"ז.

**סג.** דברים כה, י"ז.

**סד.** שם, י"ט.

די גמרא זאגט[סה]: **"המן מן התורה מנין? שנאמר**[סו], **'המן העץ' וגו'"**. המן איז דער 'עץ הדעת'.

על־כל־פנים, עס שטייט אין **זוהר הקדוש**[סז], ביי אידן וועט זיין א 'שולטנותא דערב־רַב' פאר משיח וועט קומען. עס וועלן זיין אסאך סארטן ערב-רב, עס וועלן זיין ערב-רב וועלכע וועלן בויען בתי כנסיות ובתי מדרשות און וועלן מכניס זיין ספרי תורה להיכל...[סח] - עס וועלן זיין אסאך סארטן ערב-רב[סט].

---

**סה.** חולין קלט ע"ב.

**סו.** בראשית ג', י"א.

**סז.** עיין תיקוני זוהר דף כז ע"א; שם דף קמד ע"א.

**סח.** עיין שם פר' בראשית דף כה ע"ב.

**סט.** עיין אוסף מכתבים (חלק ג' מכתב קע"א) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: השי"ת ירחם על שארית ישראל הבאים מרוסיא, שנופלים מגלות לגלות, מקאמאניסטען לציוניסטען, שמשרד הקליטה של המדינה הוא מקור של העברה על הדת, שלוקחים את בני הגולה ומשלחין אותם לקיבוצים ולמושבות של חפשים, ללא תורה וללא יהדות בכלל רח"ל.
ואמרתי היום, שעל הגלות של הצורר היטלער ימ"ש יש תירוץ של סוד הגלגול, ומי יבא בסוד עליון כזה. גם ידוע שהגה"ק רבי שמשון מאוסטרופוליא עשה שאלה לשמים, על מה ולמה קרה אסונות כה קשים של הריגות רציחות ופוגרומים לקהילות קדושות של ישראל, והיו ביניהם תלמידי חכמים מופלגים, עובדי ה' גאונים וצדיקים ולמה נרצחו ונשרפו במיתות שונות ומשונות, והשיבו לו משמיא שכל אלו היו נשמות מדור של ימי בית ראשון, והיו אלו שעבדו אז עבודה זרה. ועכשיו נשרפו על קידוש השם. ואלו שלא עבדו אלא שנהנו מאחרים שעבדו עבודה זרה, הללו נענשו מהצער הגדול שבניהם ובנותיהם וקרוביהם שעבדו ע"ז נהרגו ונשרפו אז בפוגרומים. ואילו אלו שלא עבדו ולא נהנו מאחרים שעבדו ע"ז, ניצלו הם ומשפחתם, ע"כ מהשאלה והתשובה של המהר"ש מאוסטרופוליא זי"ע.
אולם על השמד ברוחניות שנעשה בעולם ובארץ ישראל בימים אלו - על זה אין לנו שום תירוץ. כי אם אמונה שלימה בהשי"ת אפילו שאין אנו מבינים על מאות אלפים ורבבות נפשות מישראל - מה פשעו ומה חטאו שעוקרים אותם מאביהם שבשמים וזורקים אותם לשאול תחתיות.
אבל רבינו הק' כבר אמר שעל ידי אמונה עוברים על הכל, ואין אנו צריכים להבין שום דבר כי אם לעשות רצונו ית"ש בתמימות ובפשיטות, עד תמלא הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים במהרה בקרוב

איז איין ערב-רב וועלן זיין וואס זענען עמלקים[ע]. וואס איז פשט אז זיי זענען עמלקים? עס שטייט פון **אר"י הקדוש**[עא], פארוואס מאכט מען "שלא עשני גוי" (יעדן טאג)? ווייל מען קען זיך לייגן שלאפן, און עס זאל זיך צוטשעפען צו א מענטשן א נשמה פון א גוי - און מען שטייט אויף אַן אפיקורס גמור רח"ל. דעריבער דארף מען יעדן טאג מאכן "שלא עשני גוי".

עס זענען דא אזעלכע אידן, ערב-רב, און עס איז איינגעזייעט אין זיי קליפת עמלק, וואס דעריבער ווילן זיי אויסרייסן דאס אידישקייט מן השורש - מן השורש ממש, זיי פארגינען נישט יעדער התקדמות אין אידישקייט וואס איז דא ביי אידן, זיי ווילן אויסרייסן אידישקייט, זיי האבן פיינט תורה, זיי האבן פיינט קיום המצוות, זיי האבן פיינט דעם אויבערשטן כביכול - דאס איז עמלק.

אוודאי, 'אין מקרא יוצא מידי פשוטו'. נאר, אז דער 'עמלק אמיתי' וועט בטל ווערן, וועט אלעס בטל ווערן, עס וועלן אוועקגיין אלע קליפות, עס וועט זיין פול מיט זיו השכינה, פול מיט חיות.

דער אויבערשטער וועט אויספירן מיט דער בריאה - מכח די אלע מצוות און מעשים טובים פון 'סור מרע' 'ועשה טוב' וואס מען האט געטון - וועט דער אויבערשטער אויספירן אזא תיקון, וואס **"עַיִן לא רָאָתָה"**[עב] - **"לא ראתה עינם של נביאים"**[עג], דווקא דורך דעם וואס אידן וועלן זיך האלטן אין השי"ת תמיד תמיד.

## 'ברישא חשוכא והדר נהורא'

דער הייליגער רבי, מכח וואס ער האט געוואוסט די גרויסקייט פון דעם קשר צווישן א איד מיט'ן אויבערשטן, מכח וואס ער האט

---

**ע.** שם ע"א.

**עא.** הובא במגן אברהם סי' מ"ו ס"ק י' בשם המקובלים.

**עב.** ישעיה סד, ג'.

**עג.** רש"י שבת סג ע"א.

געוואוסט ווי ווייט אידן זענען נצחיים - דעם הייליגן רבי'נס נאמען איז דאך בגימטריא **נצ"ח** - דעריבער האט ער געקעמפט! ער האט געוואוסט די התגברות הרע, די התגברות דור המבול ודור הפלגה פון בעיקבתא דמשיחא.

איידער עס דארף קומען דער 'אור' איז זיך מתגבר דער 'חושך'. עס זענען דא צוויי משיחין, 'משיח בן יוסף' און 'משיח בן דוד'. 'משיח בן יוסף' וועט ברענגען קדושה אויף דער וועלט, מען וועט האבן א חיות פון קדושה, דער גאנצער לעבן וועט זיין קדושה, מען וועט זען ווי אט דער פגם איז 'מֶות שבמֶות'. און 'משיח בן דוד' וועט מגלה זיין דער הייליגער אמונה אויף דער וועלט - דאס זענען די 'תרין משיחין'. איז פאר דעם שטארקן זיך אט די צוויי קליפות (- אפיקורסות, ופגם הברית), און אלץ איז ווייל עס געפינען זיך אט די נשמות 'פשוטו כמשמעו'.

מיט דעם וואס אידן טוען מצוות, דורכדעם וועט מען זוכה זיין אז עס וועלן קומען נביאים וועלכע וועלן מגלה זיין ווער זיי זענען, און מען וועט זיי מכלה זיין לגמרי לגמרי, אט דאס איז דער תיקון העולם, דעמאלס וועט זיין דער ריכטיגער יחוד צווישן אידן מיט השי"ת און דער ריכטיגער תיקון פון אלע עולמות! דאס איז 'אמת ויציב ונכון' - 'כך קיבלנו מסיני'. מיר האבן נישט קיין שום זאך, נאר 'אשר קבלנו מסיני'.

## מיר זענען שלוחי מעלה צו ענדיגן מחיית עמלק!

עס ווערט געבראכט, ווען נישט עס וואלט געוועזן פאר קבלת התורה דער "**וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב**"[עד], וואלט נישט געקענט זיין אזא גילוי נפלא פון קבלת התורה[עה].

**עד.** שמות יז, י"ג.

**עה.** עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ג בסופו, וז"ל: ועל כן היה מלחמת עמלק קודם מתן תורה. וכן נסמכה פרשת עמלק לפרשת יתרו שהוא קבלת התורה. כי עיקר התורה נתגלה על ידי מפלת עמלק.

מען זעט וואס עמלק איז; ווען עס וואלט נישט געווען קיין הכנעת עמלק 'בימי שאול' - וואס ער האט פארט מכניע געווען עמלק - וואלט נישט געקענט זיין קיין 'בית ראשון'. ווען עס וואלט נישט געווען קיין הכנעת עמלק 'בימי מרדכי ואסתר', וואלט נישט געקענט זיין דער "הדר קבלוה מאהבה"; ווייל אז מען איז מכניע דעם שונא, ווערט אַן אהבה[עו].

מען זעט, דער הייליגער **רבי** אין תורה נ"ח[עז], ווי ער רעדט דארט פון מחיית עמלק, רעדט דער רבי וועגן 'תשובה מאהבה', ווייל תשובה מאהבה איז נגד קליפת עמלק. דעמאלס אז עס איז געווען הכנעת עמלק בימי מרדכי ואסתר, האט געקענט זיין 'הדר קבלוה מאהבה', און עס האט געקענט זיין א 'בית שני'[עח].

רבותיי!

**מיר זענען שלוחי מעלה צו ענדיגן מחיית עמלק!** אז עס זאל זיין במהרה בימינו, ותחזינה עינינו.

## פורים - אַן אור פון לעתיד

דער רבי האט אלץ מגלה געווען אין ליקוטי מוהר"ן!

---

**עו.** עיין ליקוטי הלכות הל' פורים ה"ד אות ד', וז"ל: עיקר התגלות התורה תלוי בהכנעת עמלק, שהוא בחינת הקליפה שיניקתה מההסתרה הנ"ל, וכשמכניעין אותו אזי נתגלה ההסתרה. ואזי זוכין לתורה. כי כל התורה הקדושה יונקת מבחינת **האהבה שבדעת**, שהוא אורייתא דעתיקא סתימאה, ועל כן קבלו ישראל התורה **מחדש** בימי אחשורוש, כי **עיקר קבלת התורה תלויה בהכנעת המן עמלק**.

**עז.** הנ"ל, וזה תמצית לשונו שם (מליקוטי עצות): **על ידי שמכניעין קליפות עמלק** שהוא פגם הברית, וזוכין לתיקון הברית על ידי זה זוכין לשפע כפולה שהיא בחינת לחם משנה בשבת, היינו משנה תורה. ועל ידי זה זוכין לחדש חידושין דאורייתא בשבת על חד תרין, ושבת משפיע לשאר העולמות ומשלח הארותיו לכל המדריגות ומרפא רפואות הנפש ורפואות הגוף. **ונתעורר העולם לתשובה מאהבה**.

**עח.** עיין עזרא ד' שבני המן הם היו שכתבו לבטל ולעכב בנין בית שני.

דער **רבי** זאגט[עט], משה רבינו, דער צדיק הדור, איז דא ביי אים א בחינה פון "רצוא ושוב"; זיין 'רצוא' איז א ביטול צום אין־סוף בתכלית בתכלית בתכלית, וואס מיר וועלן אלע צו דעם זוכה זיין לעתיד לבא בזכות די צדיקי הדור. איז בשעת דער צדיק גייט צוריק פון דעם ביטול צום אין־סוף - ווערט ביי אים א רשימו, לעבט ער מיט דער רשימו.

וואס איז דער רשימו? זאגט דער רבי, לעתיד וועט נתגלה ווערן 'עינא דלא נאים' (- אַן אויג וואס שלאפט נישט), 'עינא דלית ליה גבניני' (- וואס האט נישט קיין אויגן ברעמען).

אלץ איז מרמז אויף סודות נפלאים; דאס וואס א מענטש קוקט, און אינמיטן איז דא א סגירת עינים, דאס איז מרמז אז עס גייען אריבער הסתרות אויף דער וועלט, אז אפילו "אין עוד מלבדו", און 'בתוך ההסתרה' איז 'מלא גילויים', אבער כלפי אונז קוקט עס אויס ווי אַן 'הסתרה'[פ].

זעה וואס עס טוט זיך רמזים אויף דער וועלט; דער רבי איז מגלה אין תורה ד'[פא] - דער רבי דערציילט דארט א מעשה, מען האט אנגעפולט פון איין אויג פון א דָג, דריי הונדערט פעסער בוימל; דאס איז מרמז אויף 'דעת אלוקות'. אט דאס איז דער רשימו פון דעם צדיק בשעת ער גייט צוריק פון דעם ביטול. און דאס איז ער ממשיך פון לעתיד.

---

**עט.** ליקוטי מוהר"ן סי' ד' אות ט'.

**פ.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' סה אות ג'.

**פא.** וזל"ש בהמשך, בביאורו מאמרי הפליאות של רבב"ח במס' בבא בתרא דף עג ע"ב: "ומלאו מחד גלגלא דעינא תלת מאה גרבי משחא". "גרבי משחא", זה בחינות הדעת, כי "שמן משחת קודש" (שמות ל), זה בחינת שכל ... וזה בחינת 'חד גלגלא דעינא', כמובא באידרא (זהר נשא קלז:): 'ולזימנא דאתי ישתכח בה עינא חד דרחמי', זה בחינת כולו הטוב והמטיב. נמצא כשהצדיק עושה עצמו מה, מדבק את עצמו לעינא חד דרחמי, היינו לאין סוף, ואחר כך כשחוזר בבחינת רצוא ושוב, אז ממשיך מאור אין סוף האחדות הרצון הפשוט שם, ע"כ, עייעו"ש בפנים.

פורים איז א יום טוב פון לעתיד[פב], ווייל אז עס איז א יום טוב פון מחיית עמלק איז עס א יום טוב פון לעתיד.

עס ווערט געברענגט[פג], **בשעת סעודת פורים ווערט נתגלה אַן אור וואס ווערט נישט נתגלה אין קיין איין שבת און אין קיין איין יום טוב!** דאס איז אַן אור פון לעתיד - מחיית עמלק איז אַן אור פון לעתיד!

מיט דעם וואס מען עסט אַן עַין פון א דָג, וואס איז אַן 'עינא דלית ליה גבניני' - עס האט נישט קיין ברעמען, דאס איז מרמז אויף הוילע 'השגחה', אויף 'עינא דלא נאים' - א פיש פארמאכט נישט די אויג, עס איז מרמז אויף הוילע 'השגחה', הוילע 'זיו השכינה', אָן ירידות, 'הוילע דביקות'[פד].

## א געשריי 'מעומקא דלבא'

אט דאס דארף מען ממשיך זיין פון לעתיד אויף היינט, עס זאל נמשך ווערן השגחה אויפ'ן כלל ישראל, אז אלע אידן וועלכע גיבן צדקה פאר תורה, פאר ישיבות און תלמידי חכמים, אלע געלטער וואס זיי האבן אנגעוואוירן, זאל דער אויבערשטער זיי ממלא זיין חסרונם 'כפל כפליים' עד אלף פעמים!

דער אויבערשטער זאל ארויסנעמען אלע אידן וועלכע זענען פארבונדן מיט'ן יצר הרע; דורך דער 'בסומי בפוריא' ווערט נמשך אַן אור ארויסצונעמען דעם חלק הטוב פון דער רע - אז אַוואו זיי געפינען זיך זאלן זיי פילן אז עס איז א דא א בורא עולם![פה] זיי

---

**פב.** כמו שאמרו רז"ל 'כל המועדים יהיו בטלים' וכו'.

**פג.** פרי עץ חיים שער ר"ח חנוכה ופורים פ"ה.

**פד.** עיין עמק המלך שער תיקוני התשובה פרק ד-ה: ולפיכך מצוה מן המובחר לאכול דג בשבת, ובפרט בסעודה שלישית, שהיא עת רצון דוקא, ועינא פקיחא דלעילא משגחת בעולם, דומיא דעין בדג, 'דלית ליה גבינין'.

**פה.** עיין ליקוטי הלכות הל' בכור בהמה טהורה ה"ד אות כ"ב, וז"ל: וזהו 'עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי', ואיתא בכוונות כדי שיוכל להשפיע איזה הארה **גם להניצוץ**

זאלן אנהויבן מקיים זיין דעם רבי'נס עצות - **שרייען צום אויבערשטן 'מעומקא דלבא'!**[פו]

מעומקא דלבא!

מעומקא דלבא!

מען עסט און מען טרינקט, מען טאנצט און מען שפרינגט, אבער אינעווייניג דארף זיין א צעקה 'מעומקא דלבא'!

מיר האבן א שייכות מיט'ן בורא עולם אליין, נאר מיר ליגן אין א מצודה, אבער מיר זענען נישט קיין 'נפרדים'!

**חס ושלום!**

דער תיקון השלם וועט זיך אויספירן דורך אונז, דורך יעדן איינעם, דורך יעדן פאַרוואָגלטן איד וועלכער וועט הערן די עצות פון דעם רבי'ן צו זיך דערהאלטן און בענקען צום אויבערשטן 'ממקום שהוא'!

---

**שבקליפות** וכו', עיין שם, היינו כנ"ל, כי **בפורים מאירין היראה נפלאה לכל הניצוצות הרחוקים מאד מאד אפילו המונחים בעמקי עמקי הקליפות** גם להם שולחין ריח הטוב והנפלא של היראה עילאה הנ"ל כדי להחיות ולהשיב אותם גם כן, **כי הוא יתברך חושב מחשבות לבל ידח ממנו נדח כידוע.** גם עיין שם הל' מתנה ה"ג אות י"א: **ועל כן אז בפורים הכל יכולין להתקרב לה' יתברך אפילו הרחוקים מאד.**

**פו.** עיין ליקוטי הלכות הל' נחלות ה"ד אות ט"ז, וז"ל: אפילו החלושי כח שבישראל שאין להם כח לסדר תפילתם כראוי עד שמתגברת עליהם מלכות הרשעה בחינת מלכות אחשורוש בחינת ותלקח אסתר אל המלך אחשורוש, **גם אז הם מתגברים בתפילה תמיד**, כמו שארז"ל שבשעה שבאה אסתר לתוך בית אחשורוש ונסתלקה הימנה שכינה צעקה אז 'קלי קלי למה עזבתני' וכו'. **וזה רמז על כל אחד מישראל** כשיורד חס ושלום אפילו למקומות שהסטרא אחרא בחינת מלכות הרשעה מתפשטת שם, והקדושה שהיא השכינה מסתלקת ממנו **צריך גם כן לחזק לבו אז ולצעוק קלי קלי למה עזבתני** וכו'. וכל התחזקות בחינת אסתר לצעוק תמיד לה' יתברך היה על ידי מרדכי המרמזה על כן, כי מרדכי בחינת צדיק הדור עוסק תמיד ללמד עם כלל ישראל בחינת אסתר שיחזקו עצמן בתפילה **תמיד** אפילו בעת אריכת הגלות בכלל, ובפרט בגוף ונפש **אפילו** בתוקף ההסתרה.

## אפילו החוטא הגרוע שאין גרוע אחריו

דער אויבערשטער זאל העלפן, אלע חשוכי בנים פון עַם ישראל זאלן נפקד ווערן בזרע של קיימא לעבודת השי"ת, מיט בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוות וממליכים את הקדוש ברוך הוא, ועוקרי עמלק.

דער אויבערשטער זאל העלפן, אלע רווקים און רווקות פון עַם ישראל זאלן חתונה האבן און לעבן בטהרה ובקדושה מיט השראת השכינה, און זאלן געבוירן בנים ובנות עוסקים בתורה ובמצוות, "וידגו לרוב בקרב הארץ"[פז]. "אדר" - 'מזל אדר דגים'. פורים איז אויך א לשון פון 'פריה ורביה' - אלע חשוכי בנים פון עם ישראל זאלן נפקד ווערן בזרע של קיימא לעבודת השי"ת למעלה מדרך הטבע[פח].

דער אויבערשטער זאל העלפן די אלע קראנקע בעַם ישראל (-שיתרפאו), דאס נעמט זיך פון פגם השכינה; יעדער איד איז דאך א 'חלק אלוקַ ממעל', דער צער פון יעדן איד דאס איז דער צער השכינה.

**רבי דניאל פריש ע"ה**[פט] האט מיר אמאל געוויזן אינמיטן גאס פון דעם **רמ"ק**[צ], אז פאר משיח וועט זיין א 'גלות פרטי', יעדער איינער

---

**פז.** בראשית מח, ט"ז.

**פח.** עיין פוקד עקרים אות ה': **במחיית עמלק בא פקידה לעקרים שבישראל ושיולידו זרע קדוש ... [וכן קבלתי שבפרשת זכור שהוא זמן מחיית עמלק שכנסת ישראל קורין אז אותה פרשה הוא עת רצון להתפלל על בנים]**. עיין גם תורת אמת (לר' לייבילי אייגר) עניני פורים.

**פט.** ה"ה **הגה"ח רבי דניאל** ב"ר נפתלי הירצקא **פריש זצ"ל**, נולד ז' שבט שנת תרצ"ה בעיר נאנאש באונגארן, בגיל שלש התייתם מאמו, בהיותו כבן תשע פרץ מלחמת העולם השניה, עלה לארץ ישראל בשנת תשי"ב לפ"ק, למד תורה אצל האדמו"ר רבי יוחנן מערלוי ז"ל, ואח"כ דבק עצמו בחבורת האדמו"ר מתולדות אהרן ז"ל, לימים היה מראשי ישיבת 'אנשי מעמד' ללימוד תורת הנסתר, ור"מ בישבת המקובלים 'שער השמים', וגם יסד כולל ערב "אוצרות חיים" ללימוד תורת האר"י הק', וחיבר ספרים רבים בתורת החסידות והקבלה, וביניהם הפירוש הנפלא והנפוץ "מתוק מדבש" על הזוהר הקדוש, ומורינו שליט"א היה בידידות רבה עם רבי דניאל, בהיותם רמי"ם בישיבת 'שער השמים', והרבה דברי קבלה אומר משמו, וכן עד היום הזה משתמש מורינו שליט"א הרבה עם ספריו, נפטר בי"ד שבט שנת תשס"ה לפ"ק, ומנוחתו כבוד בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

וועט זיין אין זיין גלות - אין א 'גלות רוחני' און א 'גלות גשמי', און דאס איז מקרב דער גאולה, ווייל יעדער איד איז א חלק אלוקי ממעל.

דער רבי האט מגלה געווען, אפילו א רחוק שברחוק, א פחות שבפחותים, דער חוטא הגרוע שאין גרוע אחריו איז מקושר צום אויבערשטן! אז ער זאל בענקען און שרייען 'מעומקא דלבא', וועט ער בוודאי האבן א תיקון! בוודאי! עס וועט אים ווערן ליכטיג![צא]

אלע שותפים פון "קרן אור" וועלכע העלפן צו אונזערע חבורות, און דעם חינוך פון טהרת הקודש, און אונזער כולל, און אונזער ישיבה קטנה, זאל יעדער איינער פון זיי האבן א שפע עשירות תמיד, "יאר ה' פניו אליהם".

[עס זענען דא בחורים וועלכע זיצן אין תפיסה אין יאַפּאַן; "רבונו של עולם, דו ביסט 'מתיר אסורים' - ווייז, עפן זיי אויף, זיי זאלן קומען אויף ארץ ישראל יעדער איינער אין זיין שטוב פרייליך און צופרידן!"].

מען זאל געהאלפן ווערן מיט אלע ישועות, כל החולים בעַם ישראל זאלן האבן א רפואה שלימה און 'אורך ימים ושנות חיים טובים', ויעשו רצון הבורא תמיד באמת ובלב שלם, "הוֹשִׁיעָה אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת נַחֲלָתֶךָ וּרְעֵם וְנַשְּׂאֵם עַד הָעוֹלָם"[צב].

רבונו של עולם, גיב השגחה פרטית, נעם ארויס אלעמען פון אלע מצָרים, רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע, גיב שפע ברכה והצלחה, פון 'עינא דלא נאים', פון 'עינא דלית ליה גבניני'.

---

**צ.** עיין אור יקר על תיקוני זוהר שער ט' סי' ב'.

**צא.** עיין שיחות הר"ן אות ג', וז"ל: הכלל, **שמכל הנפילות והירידות שבעולם** רחמנא ליצלן יכולים לחזור אליו יתברך בנקל כי לגדולתו אין חקר. והעיקר שהכל תלוי בו, **שלא יהיה מייאש עצמו מלצעוק אל ה'** ולהתחנן ולהתפלל אליו יתברך תמיד.

**צב.** תהלים כח, ט'.

# ברכת מזל טוב

לכבוד הני נדיבים בעם, אנשים חשובים,
אשר נדבו לבם לעזור בקודש
ה"ה

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו
**מעמודי התווך**
**לרגל נשואי בתו הכלה עב"ג**
**החה"ח אליעזר יוסף בן מוה"ר יודא גוטמאן הי"ו**

הרה"ח רבי **שמשון אלי' ווייס** שליט"א
**לרגל נישואי בתו הכלה עב"ג**
**החה"ח צבי בן מוה"ר אברהם יעקב בלום הי"ו**

מוה"ר **יואל ברעטלער** הי"ו
**לרגל נישואי בתו הכלה עב"ג**
**החה"ח יוסף בן מוה"ר אלחנן זאב קלאגסבאלד הי"ו**

יה"ר שמשמחות זו ישפע שפע רב, לנו ולכל בני ישראל, והזכותים הנצחיים יעמוד לכל הצדדים לכל טוב וטוב, עדי נזכה לביאת משיח במהרה דידן אמן

# ברכת תנחומין

לכבוד האי גברא רבא ויקירא,
הרבני הנגיד והחסיד, איש ישר וטוב לב

**הרה"ח רבי אלטר שמואל**
**סטפנסקי שליט"א**

מו"ל ספרי מורינו הגה"צ שליט"א רבות בשנים

ע"פ אביו
הרה"ח רבי **יצחק** בן רבי **יהודא ליב** ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

הקב"ה ינחם לו בכפלי כפלים,
ונזכה לראות במהרה בבנין בית המקדש בירושלים

# לזכרון בהיכל ה'

נשמת האשה החשובה, כל ימיה עשתה צדקה וחסד לאחרים,
הגדיל את צאצאיה בקדושה וטהרה

מרת **חי' געלא** ב"ר **מרדכי** ע"ה

תהא נשמתה צרורה בצרור החיים

הונצח ע"י בנה
מוה"ר **יואל משה פריעד** הי"ו

# יאמץ לבך

מען קען זען א איד – הוילע (– בלויז) חסרונות, הוילע חסרונות – ווען מען ווייסט ווען וואספארא "יהא שמיה רבא מברך" עס איז דא אין אים, וואספארא מלכות שמים עס איז דא אין אים, וואס אז עס זאל נאר אראפגיין דער פסולת – –

די פסולת איז נישט ער, די פסולת איז עמלק!

אט דאס זאגט דער אויבערשטער: **'איר זענט גארנישט שולדיג – קינדערלאך! איז זענט גארנישט שולדיג!'**

**"זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק"** – עס איז דא אזעלכע נשמות וואס זיי ברענגען אריין כפירה אויף דער וועלט, פגם הברית אויף דער וועלט, קרירות אין אידישקייט אויף דער וועלט – אלע טומאות נעמט זיך פון זיי – אזוי האבן מיר מקבל געווען מסיני; **"אין ה' שלם ואין הכסא שלם עד שימחה שמו של עמלק כולו!"**.

עס איז דאך אזא וודאות אז דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט, אז דער אויבערשטער איז מחיה דער וועלט, אז ער איז מהוה דער וועלט, "אין עוד מלבדו!", עס איז נישטא קיין איין ספק! דאס האט נאר אנגעמאכט עמלק – ער האט דאס אנגעמאכט; ספ"ק איז בגמטריא עמל"ק.

**"זכור את אשר עשה לך עמלק"** – פארגעסט נישט; **'אידעלעך איר זענט גארנישט שולדיג'! 'עמלק איז שולדיג'!**

(מתוך דב"ק מנהמת לבו הטהור בעת סעודת משתה היין – שנת תש"ע לפ"ק)